פערשפרייט די נייע בראשור פון „שרה שענירער"!

# בית יעקב
## חודש זשורנאל


אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

נומער 54

7 יאהרגאַנג


## געדענקט אין יובל-פאָנד פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור אין יעדען אָרט!


טאַשען-ביבליאָטעק

שוין אַרויס פון דרוק:

### פּרקי אָבות

איבערזעצט אין יודיש מיט א איינלייטונג פון עוזיאל

עס איז א וואונדערבארע איבערזעצונג. דער בעקאַנטער שריפט-שטעלער עוזיאל (א. מ. ראַגאָווי) האָט מיט זיין אָריגינעלער איבערזעצונג פון „פרק" געמאכט דאָס קלאַסישע אַלטע תלמודישע עטיק-ווערק צוגענגליך פאַר יעדען וואָס קאָן נאָר לייענען יודיש.

יעדער דאַרף זיך צואיילען און פערשאַפען די נייע העכסט-אינטערעסאַנטע פרק-אויסגאַבע!

— פראַכט-אויסגאַבע געבונדען. —

— פרייז נאָר 1 גילדען מיט פּאָרטאָ. —

5 עקז. 4 זל. 25 גר. 10 עקז. נאָר 7.50 זל.

אָהן געלט ווערט נישט געשיקט. געלט שיקען פּ. ק. אָ. 65.613

פערלאג „בית-יעקב-זשורנאַל"



פערלאַג „בית-יעקב" לאָדז

אילוסטרירטער חודש-זשורנאַל

### „קינדער-גאַרטען"

פינפטער נומער (אייר) 4-טער יאָרגאַנג

מעשה'לעך, בילדלעך, לידער, קינדער-שמועסען קינדער-שאַפונגען, רעטענישען און אויפגאַבען.

— גרויסער בוך-פאָרמאַט —

— פרייז 1 גילדען א קווארטאל —

צו בעקומען אין אונזער אדמיניסטראַציע

— געלט-שיקען פּ.ק.אָ. 65.613 —



צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען

אַלע אגודות, אָרטאָדאָקסישע עסקנים אין די שטעט וואו עס עקזיסטירט נאָכנישט קיין בית-יעקב-שול, אָדער קיין בנות-אגודת-ישראל-אָרגאַניזאַציע, בעקומען אויף פערלאַנג נאָר פאַר איין גילדען פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל, בראָשורען, אויפרופען, זשורנאַלען א. ד. גל. פאַר „בית יעקב" און „בנות". אויפ'ן פּ. ק. אָ.-טשעק פון דער צווייטער זייט, מוז זיין דער אגודה-סטעמפּעל, אָדער פון אָרטיגען רב.

אַדרעס פאַר בריף:

Sekretarjat B. A. I. Łódż Aleksandrowska 28

פאַר געלט: P. K. O. 65.613


## אַכטונג!

די שבועות-אויסגאַבען פון „בית-יעקב זשורנאַל" און „קינדער גאָרטען" ערשיינען אי"ה פּינקטליך אויף ראש-חודש סיון.

די וואָס ווילען נישט תיכף ערלעדיגען אינגאנצען זייערע חובות ווילען נישט בעקומען אונזערע שבועות-אויסגאַבען.

פערלאַג
בית-יעקב
לאָדז

ארכיון אחבות

ב"ה לאָדז,
א י י ר תר"ץ.
זיבעטער יאָהרגאַנג

№ 54

Łódź,
Maj 1930
Rok VII

# בית יעקב
חודש זשורנאַל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן

בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳
(ישעי׳)

אשה יראת ד׳ היא תתהלל
(משלי)

# פון פּאַראַיאָהרען ביז הייבט

## שרה שענירער

...און אַוועק איז נאָך אַ יאָהר און ווידער צעהלען מיר די טעג פון יציאַת-מצרים ביז מתן-תורה; און ווידער געבען מיר זיך אָפּ אַ דין וחשבון, צי מיר האָבען דעם גייסט פון דער פאַר-אַיאָהריגער ספירה ריכטיג אויפגעפאַסט און אויסגענוצט.

מיין „ספירה" פאַלט איצט אויף אונזער צווייטער בנות-קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט אַ [illegible] אין לאָדז. דעמאָלט זענען אַלע אונזערע געדאַנקען געווען געווידמעט דער קומענדיגער קאָנפערענץ, און פיל, פיל האָפנונגען האָט מען אויף איהר געלייגט.

צי זענען זיי אָבער אַלע ערפילט געוואָרען?

עס שטעהט נאָך פאַר מיינע אויגען דער ריזיגער זאַל מיט די פאָר הונדערט דעלעגאַטינס און געסט; כ׳זעה נאָך יעצט זייערע התלהבות-פלאַמענדע פנימער, און שמחה-פינקלענדע אויגען, ווי זיי שלינגען דורשטיג די רייד פון אַלע רעדנערינס. ס׳האָט דעמאָלט ביי מיר אויסגעקוקט ווי איינע פון מיינע פרעהליכע און גליקליכע חלומות, און ערשט די אָנוועזענהייט פון די פרעמדע זשורנאַליסטען, האָבען מיך דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ ווירקליכקייט, אַ פריי-דיגער אמת...

און כאָטש דער חשבון מיינער פאַלט נישט אויס אינגאַנצען אַ בעפרידיגענדער—ווייל, ווי איך האָב שוין נישט איינמאָל געזאָגט, מיינט מען אין די בעגייסטערונגס-מינוטען פיל מעהר אויפצוטהון, ווי מ׳איז דאָס מקיים אין דער ווירקליכקייט—דאָך *) בין איך גאַנץ צופרידען פון די פירות פון אָט דעם גרויסען צוזאַמענפאָהר.

אויפ׳ן ערשטען אָרט פון מיין חשבון, פיגורירט דער ער-פאָלג פונ׳ם פיהרערין-קורס. כ׳האָב דעם ווינטער בעזוכט איינינע אָרגאַניזאַציעס, וואו די תלמידות פונ׳ם זומערדיגען פיהרערין-קורס אַרבייטען מיט׳ן גרעסטען ברען און אייפער צו פערגרעסערן און פערברייטערן די בנות-אָרגאַניזאַציע. אַסאַך דערפרעהענדעס האָב איך געזעהן אין: כזשאַנאָוו, זאַוויערצע, וואַרשא, בענדין, סאָסנאָוויץ און וויעזשבניק, און פיל גוטע נייעס האָב איך גע-הערט פון ביעלסק, לאָדז, סאַנדז, א. ד. גל.

ס׳איז באמת אַ גענוס צו זעהן דעם התלהבות, מיט וועלכען די יונגע פיהרערינס ערפילען זייערע פונקציעס, און ווי די חברות פערשטעהן עס אָפּצושאַצען.

דער צווייטער ערפאָלג פון אונזער קאָנפערענץ איז דאָס שאַפען די „בתי"״-גרופען.

אין אַסאַך שטעט האָב איך דעם ווינטער געזעהן די פייג-קעלדיגע לעבעדיגע אויגען פון אָט אָ די יוגענד-גרופען, וועלכע האָבען נישט אין זינען קיין שום פּאָליטיק, אַחוץ די ב״י-אידעע. כ׳האָב גאַנץ גוט בעמערקט דעם טיפען ערנסט, מיט וועלכען זיי בעציהען זיך צו דער הייליגער זאַך. דעם קרבן וואָס זיי ברענגען מיט דעם, וואָס זיי ווערען אויסגעלאַכט פון זייערע פריהערדיגע חבר׳טעס, און די קינדערישע שמחה, וועלכע זיי האָבען מיר אַרויסגעוויזען בעת די באַנקעטען, וועלכע זיי פלעגען איינ-אָרדנען בעת מיינע בעזוכען.

יאָ, „באַנקעטען" רופען זיי עס אָן, פונקט ווי די „גרויסע" און איך... איך האָב בעאָבאַכטעט זייערע שטראַהלענדע תמימות-דיגע געזיכטער, זיך איינגעהערט צו זייערע בעגייסטערטע בע-גריסונגס-רעדעס, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט ריינער אמת און האָב געשיקט אַ שטילע תפלה צו ג-ט:

„זעה, רבש״ע, ווי אָט די יונגע קינדער נעמען זיך צוזאַמען דיך צו דינען באמת ובלבב שלם. העלף-זשע זיי דעריבער צו, אַז דער צייט-שטראָם זאָל אויף זיי נישט האָבען קיין שליטה".

און אפשר, ערוועקט זיך אין מיר אַ געדאַנק — אפשר וועלען מיר, דערוואַקסענע, צוליב אָט אָ די קינדער שוין האָבען ענדליך די זכי׳ צו ווערען אויסגעלייזט פונ׳ם גלות, פונקט ווי די יודען אין מצרים זענען געוואָרען אויסגעלייזט בזכות נשים צדקניות...

און איך נוץ אויס די בעגייסטערונג זייערע צום פּראַקטישען אונטעררוכט, ערקלער זיי געניי איבער וועלכע זאַך ס׳קומט צו-ערשט אַ ברכה צו מאַכען ביי אזאַ רייך געדעקטען טיש, וועלכע ברכה אחרונה קומט פריהער, און וועלכע ברכה פטר׳ט די צווייטער, און ווידער האָב איך אַ געלעגענהייט זיי צו ערקלערען די 3 דעוויזען, וועלכע מיר האָבען געשטעלט פאַר אונזערע גרופען:
1) עבדו את ה׳ בשמחה; 2) שויתי ד׳ לנגדי תמיד; און 3) למנות ימינו כן הודע.

אייך, טייערע בנות-שוועסטערן און ליבע בתי״-טעכטער, וועלכע כ׳האָב נישט געקענט פערזענליך בעזוכען, וועל איך דאָ בקיצור ערקלערען די דריי דעוויזען:

דער ערשטער דעוויז איז: עבדו את ד׳ בשמחה. דאָס וואָרט פרייד האָט אין אונזער הייליגער שפראַך צוויי אויסדריקען: ששון און שמחה. ששון הייסט אויסערליכער פרייד, און שמחה —אינערליכער פרייד, און אָט אָ זאָגט דוד המלך: עבדו את ד׳ בשמחה, דינט ג-ט און ערפילט זיינע מצות נישט מיט בלויז אויסערליכער נאָר אויך מיט אינערליכער פרייד!

מיינע ליבע! יעדע איינע פון אייך האָט שוין נישט איינ-מאָל געמוזט פיהלען אָט אָ די אינערליכע שמחה, און געפיהלט האָט איהר זי דעמאָלט, ווען איהר האָט מקיים געווען עפּעס אַ מצוה, אָדער זיך אָפּגעהאַלטען פון אַ פערבאָטענער זאַך, פון אַן עבירה, און וואָס טייערער עס האָט אייך געקאָסט, וואָס מעהר ערדישעס פערגעניגען איהר האָט געמוזט דערביי מקריב זיין — אַלץ מעהר אינערליכער שמחה האָט איהר אין דעם געפיהלט, גובר געווען דאָס שלעכט און געטהון אַ גוטע טהאַט. איהר האָט דאַן געפיהלט דאָס אמת׳ע גליק, וועלכעס איז נישט אָפּהענגיג פון אויסערליכע אומשטענדען.

און ווי אַזוי אַרום, אָבער, קומט מען צום טייערן גליק-

# א יאָהרצייט אָדער אַ געבורטסטאָג?

פון אסתר ראָזאַ

אַ יאָהר איז אַוועק זינט אונזער צווייטער לאַנדעס-קאָנפע-רענץ. א יאָהר אין מענשענס לעבען איז אין פלוג, ווי אַ טאָג, א שעה, אפשר גאָרנישט.

עס איז אָבער אמאָל אַ טאָג מעהר ווי א יאָהר, און אַ שעה מעהר ווי א גאַנצע עפּאָכע. נו, וואָס האָבען מיר טאקי איבער-געלעבט פאראיאָהרען. און מיט וואָס איז דאָס יאָהר אוועק פון אונז? האָבען מיר דערגרייכט כאָטש א צענטעל פון אונזערע ערוואַרטונגען, האָפנונגען און שטרעבונגען? האָבען מיר שוין עפּיס פרישעס, לעבעדיגעס פון אונזער ארבייט געלאָזט אויפגיין? ווען מיר קוקען צום טורעם פון אונזערע אויפגאבען, האָבען מיר נאָך אפשר גאָרנישט! ווען מיר נעמען אָבער אין אכט אונזערע מעגליכקייטען, אָ, איז עס שוין אַסך דערגרייכט! פיל שענעס, הייליגעס, אָפּפערוויליגעס איז געטהון געוואָרען במשך

דעם יאָהר. עס שיינט אָבער אויף אונזער ארבייטס-האָריזאָנט ארויס נאָך פיל ליידיגקייט, נאָך אַסך פערטריקענטער נישט-בעארבייטער באָדען.

מיר האָבען טאקי אסך צו טהון, צו אונזער פרייד אָבער אויך שוין אַסך געטהון. דערפאַר האָפען מיר, אז מיר וועלען זיך צוואקסען און אונזערע אויפגאבען נאָך בשלימות ערפילען. מיר טאָרען דערביי אָבער נישט פערגעסען, אַז צוגלייך מיט'ן אויפשטייג פון אונזער ארבייט, קומען צו אלץ ווייטערע און נייע בעדערפענישען. און ווען מיר וועלען זיך שוין בעצייטענס נישט פעסטער אָרגאניזירען און ערפילען אונזערע פליכטען, ווען מיר וועלען נישט באלד לייגען קיין פעסטע פונדאמענטען, וועלען מיר זיך קוים קענען שפעטער ארויסבעקומען פונ'ם פלאָנטער, פון דיסציפלין-לאָזיגקייט, אָפגעפרעמדקייט א. א. וו.

מיר ווייסען דאָך גוט, אז נישט ווייטער גיין, הייסט בלייבען אָפּגעשטאנען, נישט פרישע נאהרונגען געבען, לאָזען זיך די אלטע כוחות אויס. מיר טאָרען נישט לאָזען אויס-וועפען זיך.

אלס ביישפיל זאָלען אונז דינען די פיל אנדערע געזעל-שאפטען, וועמענס ציל עס איז געוואָרען אַ בלאָף, און זייער גאנצער מהות איז פוסטקייט און אָהן אַ ברעקעל אידעאליזם, איך מיין אז אונז קאָן קודם-כל נאָר פערהיטען פון אונזער געפאהר, ערנסטקייט צו דער זאך, און נאָר דאָס איז דער וועג צו דער פערברייטערונג פון אונזער טעטיגקייט.

ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט איז נישטאָ אזוי פיל ערנסט צום לעבען, ווי ביים יודישען פאָלק. און קיין שום נאציע ציילט דאָך נישט אזוי די טעג—נישט נאָר די יאָהרען—ווי ביי אונז. דאָ ציילט מען ספירה, שפעטער ציילט מען ווידער די וואָכען, און סליחות-טעג, עשרת-ימי-תשובה. דאָס ציילען ווייזט ווי שנעל די צייט פערגייט, ווי גרויס עס איז דער אמת פון „אם לא עכשיו אימתי?"...

אונזער ציילען געהט אָבער נאָך פיל ווייטער: „למנות ימינו כן הודע!" טעג טיילען זיך דאָך אין שעה'ן, שעה'ן אין מינוטען, און מינוטען טיילען זיך דאָך ווייטער.

מינוטען מוז מען קענען ציילען. אין איין מינוט קאָן מען אלעס פערשפּעטיגען. יאָ, איין מינוט קאָן אמאָל ענטשיי-דען; יאָהרצייט אָדער געבורטסטאָג?

שלום, האַרמאָניע, ליבשאַפט, דאָס איז דאָס עלעמענטאר-סטע, עיקר'דיגע געברויך אין אָ אָרגאניזאציע און דער יסוד פון אונזער געזעלשאפטליכער צוזאמענארבייט. ווען ס'זאָל נישט זיין קיין הארמאָנישע צוזאמענארבייט אין אונזער בנות-אָרגאַני-זאציע, ווי אַזוי וועלען די איינצעלנע און געמיינזאַמע פונקציעס פון אונזער אַרבייט אויסקוקען?

ג—ט האָט ביי דער וועלט-בעשאפונג, די האַרמאָניע און ליבע פונדאַמענטירט, נאָר די מענשען האָט זי אין פיינדשאפט דיסהאַרמאָניע פערוואַנדעלט.

אין דער נאטור העלפט אַלעס צום אַלגעמיינעם דערהאַל-טונג, דאָס טייערסטע און בעסטע. זי קאָן נישט אַנדערש. מיר דאַרפען אויך אַנדערש נישט צו קענען!

אין אַ בלומען-טאָפּ, אונטערשיידעט זיך נישט דער ספעציפישער אראָמאט פון יעדעס גרעזעלע בעזונדער, דערפאַר שמעקען אַלע צוזאַמען—שטאַרקער!

היינט אינם פריהלינג פון נאטור, ווען ס'בעלעבט זיך אלעס, שטעלט זיך אויך די פראַגע וועגען אונז: יאָהרצייט אָדער געבורטסטאָג?

צו אינערליכער פרייד? נאָר מיט'ן צווייטען אונזערן דעוויז: שויתי ד' לנגדי תמיד! איך מוז מיר תמיד פאָרשטעלען, אַז ג—ט שטעהט פאַר מיר. דער געדאַנק, וועלכער ברויך בעגליי-טען אונזער גאַנץ לעבען, איז דאָס בעסטע שוץ-מיטעל געגען יעדערער, אַפילו קלענסטער עבירה, און בעסטער ערדעגער צו טהון, וואָס מעהר מצות און מעשים טובים.

למנות ימינו כן הודע – איז אונזער דריטער ליבער דעוויז. בעשעפער! לערן אונז אויס צו צעהלען אונזערע טעג! האָט זיך דער מלך דוד געבעטען. צי האָט ער דען, אונזער גרויסער דיכטער, נישט געוואוסט צו צעהלען די טעג? צי האָט ער געבעטען אויף אַ היינטיגען קאַלענדאַר?... זיכער נישט. זיינע ווייטערדיגע ווערטער אָבער וואַרפען אַ ליכט* אויף די פריהערדיגע. ער זאָגט דאָרטען: ונביא לבב חכמה – מיר וועלען דיר ברענגען אַ האַרץ פול מיט חכמה. זעהטס! יעדערע מינוט פון מענשליכען לעבען האָט אין זיך 3 מאָמענטען. יעצט איז די צוקונפט; מיט אַ רגע שפעטער ווערט פון איהר: געגענווארט, און ווי נאָר זי פערשווינדט, געהערט זי שוין צו דער פערגאַנגענהייט.

דאָס זאָגט דוד המלך: למנות ימינו כן הודע – אַז ווען מיר ווילען וויסען ווי יעדע מינוט פון אונזער לעבען אויסצונו-צען צו אַ געטרייער דינסט פאַר ג—ט, ווען מיר וועלען תמיד גע-פינען דעם צוועק פאַר אונזער דאָ זיין, און ווען ג—ט וועט אונז צוריקרופען צו זיך, וועלען מיר נישט קומען מיט אַ חשבון פון 70 יאָהר נאָר פון 70.365.24.60.60.3 דאַן וועלען מיר דיר ברענ-גען, ג—ט, אַ לבב חכמה!

איך האָב זיך דאָ צושמועסט וועגען אַנדערע זאַכען און נישט געמאַכט דעם רעשט חשבון. לאָז איך עס שוין איבער פאַר אַנדערע, וואָס זאָלען עס מאכען. איך בין מיט איינעם צופרידען און כ'פערהאָף, אַז איהר אלע בנות, ווי בתי' מיטגלידערינס, וועט שוין אויף אייביג טריי בלייבען אונזערע הייליגע דעוויזען, און מיט אמת'ע בעגייסטערונג מיטפיהלען דאָס, וואָס זיי לעגען אויף אונז אַרויף. לשנה הבאָה זאָל מען זוכה זיין צו צעהלען ספירה אין ירושלים.

איינס מוזען מיר נאָר געדענקען, אַז מיר זענען נאָך אַלץ אין אָנהויב פון אונזערער אַרבייט, און מיר טאָרען נישט רוהען ביז די אמת'ע בעגייסטערונג צו אונזערע הייליגע אידעאַלען וועט אַרומנעמען און אַדורכגליהען די הערצער פון אַלע אונזערע שוועסטער.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# רבי אדער דיכטער?

## (פראגמענט פון ד"ר לעהמאנס ביאגראפיע) (צו זיין פערציגסטער יאהרצייט).

...און עס איז אויסגעפאלען דער שווערסטער אינערליכער קאמף אין זיין לעבען. ווי אברהם אבינו — זיין זוהן, אזוי איז ער ענדליך גרייט זיינע אלע אנדערע וואונשען צו ברענגען אלס קרבן אויף ג—טס מזבח.

בערלין האט לעהמאנען געגעבען שטאף צו זיינע דראמען, וועלכע ער האט שטילערהייט געדיכטעט. יוליוס ראזענבערג, אטא ראקוועט, פויל הייזע און עמיל פאלעסקע געהערען צו זיינע בעקאנטע. ער האט זיך אין דעם קרייז געפיהלט אויסערגעוועהנליך גוט, און דעריבער כמעט פערגעסען פון זיין אלטען ציל צו דערגרייכען א רבנישע שטעלע. ער האט פערפאסט א דראמע פון דער ענגלישער געשיכטע, וועלכע איז איהם נאך פון די קינדער יאהרען דורך שעקספיר געווען אזוי גוט בעקאנט, איבער דעם קעניג מאנמויטס. די דראמע בעהאנדעלט די געשיכטע פון מאנמויטס, קארל דעם צווייטענס זוהן פון ענגלאנד, וועלכען יאקוב דער צווייטער האט געהייסען אין טויערהיל אפהאקען דעם קאפ, ווייל ער, מאנמויטס, האט זיך געלאזט אויסרופען אלס קעניג אויפ'ן פאטערס ארט. ווי נאר דער יונגער דיכטער האט פערענדיגט זיין דראמע, אזוי האט ער בעקומען א שרעקליך אונאנגענעהמע ידיעה, אז אויך פאלעסקע האט אנגעשריבען א דראמע איבער דעם קעניג מאנמויטס און ער האט עס פארגעלייענט אויף א עפענטליכער פערזאמלונג אין בערלין. ווי האט מאיר געקאנט וואגען צו קאנקורירען אויף איין געביט מיט אזעלכען ווי פאלעסקע, וועלכער איז דעמאלט געשטאנען אויפ'ן שפיץ פון זיין דיכטערישען רוהם? מאיר האט בעשלאסען אפען זיך אדורכצושמועסען מיט זיין דיכטער קאנקורענט. פאלעסקע איז אבער פערגאנגען אמת גרויס. „מיין דראמע — האט ער געענטפערט דעם יונגערמאן — האב איך ביז אהער נישט געקאנט ברענגען אויף דער סצענע, אפשר איז אייערע בעסער און וועט בעשענקען אונזער טעאטער מיט אנ'אמת'ער דיכטונג, נאך וועלכער מיר אלע לעכצען. איך וויס: איהר האט טאלאנט. בענוצט אייך מיט מיין ווערק, אויף וויפיל ס'קען נאר אייך דינען. נעמט צונויף אייערע יונגע כוחות און פרובט שאפען אזעלכעס, וואס זאל זיך ארויסווייזען ווירדיג געגען דער גרויסער ירושה, וואס האט אונז איבערגעלאזט דער שטאם-פאטער שעקספיר".

נאך אזעלכע שעהנע, אויפמונטערדיגע ווערטער האט זיך דער יונגער מאיר ווידער גענומען מיט'ן גאנצען ברען ארבייטען ארום זיין ווערק, וועלכעס ער האט אין א קורצע צייט צוגעפיילט און אויסגעבעסערט.

פאלעסקע האט דאס שטיק אדורכגעלייענט און געפינען דערין טאלאנט. ער האט זיך דערקלערט גרייט איינצואָרדנען אנ'אוועמד, אויף וועלכען מאיר וועט האבען די געלעגענהייט פארצולייענען זיין ווערק פאר א גאנצע רייה שוישפילער און ליטעראטען. ער האט אויך אויסגעדריקט די האפנונג און דעם וואונש, אז מאיר זאל זיך פון איצט אן ווידמען אויסשליסליך די ליטעראטור.

מאיר איז א געוויסע צייט ארומגעגאנגען אויסגעוועהנליך צוקאכט. פון איין זייט האט ער זיך שוין בעטראכט אלס צוקונפטיגער דיכטער און אנ'אונענדליך געפיהל האט איהם ארומגענומען. פון דער צווייטער זייט אבער האט ער געציטערט, אז דער דאזיגער וועג וועט זיך נישט לאזען פעראייניגען מיט זיין ג—טגעווידמעטען בערוף.

א וואך צייט האט ער פערבראכט אין שלאפלאזע נעכט.

אלע זיינע שעה'ן, טעג און נעכט, זענען אנגעפילט געווען מיט דער גרויסער אינערליכער בעוועגונג, וועלכע האט אין איהם געקאכט. דאס איז געווען דער צווייטער, דאס מאל א סך שווערערער, קאמף אין זיין לעבען. צו זיינע רעליגיעזע ספקות האט ער לייכט א סוף געמאכט, ווייל זיי זענען געקומען פון שכל און האבען נישט געהאט קיין ארט אין זיין הארץ. דא אבער האט געקעמפט נייגונג מיט נייגונג, הארץ געגען הארץ. דא זענען די געדאנקען געפלויגען ארויף און אראפ, זיך געגענזייטיג געיאגט און פערשלינגען; הייסע וואונשען האבען אפגעשלאגען אין הייסע וואונשען: ער האט געוואלט זיין דראמע עפענטליך פארלייענען, כדי צו ברענגען איהר אויף דער סצענע, ער האט געוואלט ווערען א ליטעראט. אבער קיין ספק נישט, אז דער דיכטער-קראנץ און דער יונגער רוהם וועט איהם נישט לאזען רוהען; קיין ספק נישט, אז ער וועט אויף דעם איינמאל בעטרעטענעם וועג שטרעבען צו געהן ווייטער און ווייטער; קיין שום ספק נישט אז דאס לאזט זיך נישט פעראייניגען מיט דעם בערוף, צו וועלכען ער האט ביז איצט געשטרעבט און וועלכען ער האט ביז איצט בעטראכט פאר דעם העכסטען גליק, וואס קען איהם צומיינסטען צופרידענשטעלען — ער האט דעריבער נישט געקאנט אננעמען קיין פעסטען בעשלוס.


ארכיון אס

ענדליך איז אנגעקומען דער טאג, אין וועלכען מאיר האט געזאלט פארלייענען זיין ווערק און ער האט כמעט נישט געקענט בעהערשען זיינע חושים. אין איין מאמענט האט ער בעשלאסען אויסצושעפען די גאנצע פרייד, וועלכע האט אויף איהם געווארט דעם היינטיגען אוועגד, אבער שוין אין צווייטען מאמענט האט ער געדענקט נאך זיין אלטען אידעאל. אין אזא שטימונג האט ער זיך אנגעהויבען איבערצוטהון יום-טוב'דיג און זיך צוגרייטען צו דעם גרויסען אוועגד, וועלכער האט געזאלט ענטשיידען איבער, דער צוקונפט פון זיין לעבען. ער האט זיך שוין געהאט געמאכט כמעט דעם גאנצען טואלעט, זיך אנידערגעזעצט אויף דער קאנאפע און אנשפארענדיג די הענט אויף די קניה און דעם קאפ אויף די הענט האט ער אנגעהויבען ווידער צו גריבלען אין זיינע געדאנקען.

הארכיון היהודי

פלוצלונג האט ער דערהערט די מעלאדיע פון א קאטערינקע. אונטען אין דעם פינסטערן הויף פון דעם אלטען הויז אין דער „היידערייטער גאס" האט געשפילט א קאטערינקע - דרייער היינע'ס ליד: „קיין פראנקרייך האבען געצויגען צוויי גרענאדיער" און מיט זיין טיפער באס-שטימע האט ער זיך צוגעזונגען: „וואס מיר ווייב, וואס מיר קינד, איך טראג א ווייט בעסערן פערלאנג..." דאס דאזיגע זינגען און שפילען האט פערהילכט אויבען אין דער דאך-וואוינונג פונ'ם יונגען סטודענט. מאיר איז אויפגעשפרונגען פון דער קאנאפע „איך טראג א ווייט בעסערען פערלאנג" — האט ער אויסגערופען. ער האט מיט געוואלט אראפגעריסען פון זיך דעם פראק, מיט ציטערדיגע הענט האט ער געכאפט דעם מאנוסקריפט פון דער דראמע און איהם אריינגעווארפען אין דעם ברענענדיגען אויווען, זאגענדיג דערביי שטיל: „א ריין הארץ שאף מיר, ג—ט און א שטארקען גייסט בעניי אין מיין נשמה".

אין יענעם אווענד האט דער איידעלער פאלעסקע און זיינע פריינד, וועלכע ער האט צו זיך איינגעלאדען, אומזיסט געווארט אויפ'ן יונגען דיכטער, וועלכער האט געדארפט פארלייענען זיין דראמע.

(סוף אויף זייט 10)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראטור

קורצער איבערבליק און מוסטערן ▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪ (נאָכדרוק פערבאָטען) ▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪▪

פון **שמואל נאדלער**

## די כינעזישע ליטעראַטור

ווי די סודות'דיגע קוואַלען פונ'ם מעכטיג־שטראָמענדיגען יאנגטסעקיאנג, ווי די פערהוילענע שפיצען פון די הייליגע בערג טסינלינגשאן, ווי דער פערלוירענער אין נעפעל פון אורצייט אָנהויב פונם „פאָלק פון דעם בלומענדיגען מיטעלפונקט" (טשונג־הואַ־מין־קואָ) 1) — אזוי בלייבט אויך אַן'אייביגער סוד די געבורט און דאָס ענטשטיין פון דער עלטסטער ליטעראַטור אין דער וועלט, דער כינעזישער.

דער ערשטער דאָקומענט פון וועלכען מיר ווייסען איז דער שיקינג לידער בוך. דאָס איז א זאמלונג פון פאָלק־לידער, ס'רוב רעליגיעזע, פון וועלכע מ'דערקענט, או כינע איז שוין דאמאָלס (צווייטויזענד יאָהר, בערך, פאר דער געוו. צ. ר.) געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער קולטורעלער מדרגה. דאָס זעלבע בעשטעטיגען אויך אַנדערע שפעטערע שאַפונגען פון יענער עפּאָכע: דאָס בוך פון ענדערונגען (ייקינג); דאָס דאָקומענטען־בוך (שוקינג), וואָס נעמט ארום די עלטסטע האַלב־מיטאָלאָגישע, האַלב־היסטאָרישע כראָניק: די טשו־דינאַסטיע־געשיכטע; דאָס דינים־בוך „אילי" א. אַ.

דער זאמלער, אויפשרייבער און איבערארבייטער פון דאָזיגע ספרים איז געווען קאָנפוציוס, דער גרינדער פון דער כינעזישער רעליגיע און דער מאַטע פון איהר ליטעראַטור. אלס אָריגינעל ספר, וואָס ער אליין האָט אָנגעשריבען ווערט אָנגעגעבען „דאָס בוך פון פריהלינג און הערבסט" (טשען־טון). דאָס בוך צוזאמען מיט די דערמאָנטע פיר: „שו", „יי", „שו" און „לו" בילדען דעם יסוד פון זיין לעהרע פאר *זיינע אָנהענגער; די פינף ספרים, חומש, וואוקינג. חוץ דעם האָבען אויך זיינע תּלמידים ארויסגעגעבען די „שמועסען" (לונגי) פון זייער גרויסען רבי'ן.

געגען דעם קאָנפוציאַניזם איז אַרויסגעטרעטען דער צווייטער קלאַסיקער לאַ־או־טזע. אין אַ ריזיגען ספר, וואָס איז אָבער טיילווייז גאנץ אונפערשטענדליך „דאָס בוך בונ'ם אמת'דיגען וועג" (טוי־טע־קינג) פערטרעט ער דעם „טאאיזם", וואָס איז נאָהנט צום בודיסטישען גייסט און לעהרע. 2)

נאָך דער קלאַסישער עפּאָכע הייבט זיך אָן צו ענטוויקלען בעיקר די פילאָזאָפישע ליטעראטור, וועלכע געפונט זיך אונטערן אינדישען איינפלוס. אין דער זעלבער צייט בעאַרבייט סעמא טסיען די אלגעמיינע געשיכטע פון כינע (שיקי), פון וועלכער ס'האָבען זיך גענומען אַמוסטער די שפּעטערדיגע היסטאָריקער. די פּאָעזיע וואָס האָט געהאַט אזעלכע קלאסישע פאָרשטעהער ווי קי היאַן, האָט נאָך אַ תקופה פון ירידה 3) צוריק אויפגעבליהט אין די צייטען פון דער דינאַסטיע טאַנג (אין אכטען יאָהרהונדערט). לי־טאי פּא, טו־פו און פּאָ־קי האָבען אויפגעהויבען די ליריק צו אַ אַלמענשליכער מדרגה, בעפרייענדיג זי פון די קייטען פון טראַדיציע און געבענדיג א הר שוואונג און עכטקייט.

אין איינעם מיט דער פּאָעזיע האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די ערצעהלונג, וועלכע האָט אָבער נישט דערגרייכט די הייכען פון די ערשטע. געשריבען אין אַן'איינפאַכען לשון פונ'ם טאָג־טעגליכען לעבען, איז זי געוויינליך זעהר לאנג, מאָנאָטאָניש, אָהן אייגענארטיגקייט און קינסטלערישען זין. איהר בליה־פּעריאָד איז דאָס הערשען פון די דינאַסטיעס מינג און סינג (די לעצטע טויזענט יאָהר).

די ווירקונג פון דער כינעזישער ליטעראַטור אויף אייראָפּא איז שטאַרק בעגרעניצט דורך דער „כינעזישער מויער", דורך דער שפּראַך און שריפט. די ערשטע באַשטעהט דאָס וואָס איין און דערזעלבער קלאַנג האָט צוויי בעטייטען, אָפּהענגיגע פון אַן'איידעלעם ניואַנס. אויך די שריפט איז נישט ווי אונזערע אַ פאָנעטישע (פון איינצעלנע קלאַנגען) נאָר א טראַף־שריפט, וועלכע איז אומגעהויער קאָמפּליצירט. ביי פע־ציג טויזענד צייכענס זענען פערהאַן אין דער שריפט און אַ דריי טויזענד מוזען ווערען כסדר בענוצט, אין פערגלייך מיט אונזערע פאָר און צוואַנציג שריפט־צייכענס איז אויך דאָס מינימאלע אַ ריזען־צאָהל.

דאָ און דאָרט טרעפט מען א כינעזישען מאָטיוו, ס'רוב צוליב עקזאָטיק (טוראנדאט, די כינעזישע יתומה פון וואַלטער, רייזע בעשרייבונגען א. א.)

בכלל צייכענט זי זיך אויס מיט טויטקייט און סטאגנאציע. ז'ער בעוואוסטער רייזענדער סווען העדין דערציילט פון זיין רייזע אין טיבעט. אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואנדערט אָהן וואַסער אין דער דאָרטיגער מדבר. ווען ער איז שוין געווען אָהן כוחות און אנידערגעפאַלען אין זאַמד האָט ער פּלוצים דערזעהן אַ מעטאַלישען גראָען בליאסק: אַ ברייט אויסגעגאָסענער טייך. מיט די לעצטע כ'חות שלעפּט ער זיך צו און לייגט צו די אויסגעטרוקענטע צונג: ס'איז פערשטיינערט זאלץ.

---

1) דער נאָמען כינע שטאַמט פון דער קעניגליכער דינאַסטיע, טסין. נעהנטער צו דעם איז דער העברעאישער נאָמען „ארץ סינים" אָדער „סין".

2) דער פּרוב פון לי־פו־ווי צו מאַכען פוןביידע אַ סינטעז איז נישט געלונגען.

3) אין יאָהר 213 פ. ק. האָט דער קייסער שי־וואַנג־טו בעפוילען צו פערברענען אלע ביכער און האָט אויף אזא אופן פערניכטעט אַ גרויסען טייל פון דער קלאַסישער קאָנפוציאנישער ליטעראַטור.

פּאָליצעס קאָסטע אראָפּגעקוקט מיט אַלט פּילאָזאָפישען קנייטש. זיי האָבען געוואוסט, די ספרים, אַז זיי שטעהען איין ביי א נגיד. כתבי־יד, בריף פערשידענע, פון גוטע יודען און סתם מכובדים האָבען געהאט דאָרט א בעזונדערן פלאַץ, קינדער אין שטרענג אָנגעזאָגט געווען אהין זיך נישט צוצוריהרען.

איטשע פלעגט אין שעה'ן פון חשבון־הנפש זיך בעטראַכטען, אָנקוקענדיג די פולע שענק ספרים, וואָס ער האָט איינגעהאנדעלט אין זיין קעסט־שטעטעל. אויף יעדען ספר האָט ער דעמאָלט צוגעשריבען מיט פערלדיגע, אויסגעטאָקטע אותיות'לעך און פיל ליבשאפט: „קניתי מהוני, לכבוד צורי וקוני, אני הק'..."

— כ'מיין — פלעגט ער זאָגען צו זיין רבי'ן ר' לייבעלען — אז די דאָזיגע ספרים לעבען איבער די גרעסטע מאָס צער. הכל תלוי במזל, אפילו ספר תורה שבהיכל. ס'דאכט זיך, זיי געהען אויס פון בענקשאפט, זיי בעטען זיך, נעבעך, אַז מ'זאָל זיי אין האנט נעמען, כאָטש א בלעטער טהון. די וועלט קעהרט זיך אָפּ פון ספרים.

— האָסט אַ טעות, איטשע — נעמט איהם ר' לייבעלע טרייסטען — דער כח פון ספרים איז אין לשער, אפילו פערמאכטערהייט. דער אור תורה שיינט דורך די טאָוולען און רוקענס. ספרים אין שטוב זענען אַ ציהרונג און אַ רעצעפּט פאר'ן גוף און נשמה. כל־זמן די קינדער זעהען, אַז די ספרים שטעהען פון אויבען אָן, כל־זמן, דו געהסט צו צו דער ספרים שאַנק און לייגסט אריין קאָפּ און הארץ ביסטו נאָך משלנו. נישט גע'דאגה'עט, גיב אריין אַ ביסעל בראָנפען און לאָמיר טרינקען לחיים... (המשך קומט)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

דער דאָזיגער טייך וואָס די טראַפּיקאַלישע זון האָט אויס־געטרוקענט און איבערגעלאָזט אומפרוכבאַרקייט — דאָס איז סימבאָליש פאַר דער כינעזישער שאַפונג. לעצטענס ערשט האָט זיך דאָרט בעוויזען אַ פריש, וועקענדיג ווינטעל פון מערב, דאָס ברענגען מיט די „רויט־האָריגע שדים" ווי מען רופט דאָרט די אייראָפּעער 4). דער פועל־יוצא דערפון — בלייבט דער סוד פון דער צוקונפט.

4) דעם רענעסאַנס און די רעפאָרמען פון אונטערן אייראָפּעאישען איינפלוס האָבען אָנגעהויבען אינם יאָהר 1888 קאַנג־יא־ווי און זיין שולע. עס זענען אויך לעצטענס אונטערגענומען געוואָרען רייזעס פון כינעזישע שריפטשטעלער אין די אייראָפּעאישע צענטערן, כדי זיך מיט זיי צו שטעלען אין קאָנטאַקט, און באקענען

## פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור

לי טאי פא:

### דער טאַנץ פון די געטער

ביי קלאַנגען פונם פליט פון ווייסען יאַספּיס
געזונגען האָב איך לידער פון טרויער און בענקשאַפט,—
האָבען מיך די מענשען אויסגעלאַכט, נישט פערשטאַנען.

הארכיון היהודי

יאוש־פול האָב איך מיין יאַספּישען פליט
אויפגעהויבען צום הימעל—און אַקרבן צו גאָט
געדונערט אַ ליד... האָבען געטער מיט פרייד
אָנגעהויבען טאַנצען אויף ברענענדיגע וואָלקענס
ביי די קלאַנגען פון פליט.

ארכיון אספות

און איצט זינג איך מיין ליד אויך פאַר מענשען
נאָר בלויז פרייד.—איצט פאַרשטייען זיי שוין,
ווען כ'שפיל זיי אַ ליד פון שמחה אין פליט,
אין פליט פון ווייסען יאַספּיס.

## שפּרוּכען

— דער ווינט זאָגט: איך וועל דיך צושטורמען און אויפברויזען, ים, און דיינע כוואַליעס וועלען גרייכען צום הימעל.

דער ים זאָגט: וואָס טויג מיר דאָס דערהייבען? לאָז מיך נאָר צורוה און זעה, דער בלאָ־ער, טיפער הימעל איז אין מיר דאָ.

**קאָנפוציוס**

— די וועלט איז אומבעגרעניצט און דעם מענשענס שכל איז יאָ בעגרעניצט, דעריבער קען דעם מענשענס שכל נישט זיין דער שכל פון דער וועלט...

**דערזעלבער**

— דאָרט וואו עס הערשען גרויסע חכמים, בעמערקען די אונטערטאַנען זייער עקזיסטענץ נישט. דאָרט וואו עס הער־שען געוועהנליכע חכמים, איז דאָס פאָלק צו זיי צוגע־בונדען און לויבט זיי. דאָרט וואו עס הערשען נאָך קלענערע חכמים, האָט דאָס פאָלק מורא פאַר זיי. דאָרט אָבער, וואו עס הערשען קיין חכמים נישט, פעראַכטעט זיי דאָס פאָלק און האָט זיי פיינט.

**לאַ־או־טזע**

— דער וואָס שענקט זיך אַוועק די וועלט, האָט ער די גאַנצע וועלט און האָט זיך. דער וואָס וויל צונעמען די וועלט פאַר זיך, האָט נישט די וועלט און פאַרלירט אויך זיך.

**כינעזישע וויזהייט**

— וויכטיגער פון אַלע אַרביטען איז די חכמה, ווייל די חכמה איז די אַרבייט פון דער נשמה. וויכטיגער פון אַלע חכמות זענען גוטע מדות, ווייל גוטע מדות זענען די חכמה פון'ם לעבען. וויכטיגער פון אַלע מדות, איז די גוטקייט אַליין, ווייל די גוטקייט איז די מדה פון גאָט.

**קו־איי־קו־טזע** 5)

5) געלעבט אינ'ם 4. י. ה. פ. ק.

— נישטאָ קיין משא, אַ געלער זאָל זי נישט קאָנען אויס־האַלטען. נישטאָ קיין תאוה, ער זאָל זי נישט קאָנען איינהאַל־טען. נישטאָ קיין לייד, ער זאָל עס נישט קאָנען איבערהאַלטען.

**שפריכוואָרט**

# רב אָדער דיכטער

(סוף פון זייט 5)

מאיר האָט זיך מעהר קיינמאָל נישט געזעהן מיט פאַלעס־קען און — וואָס ס'איז נאָך אסך וויכטיגער, זייט יענעם אָוועגד איז ער מעהר קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געגאַנגען אין טעאַטער אריין. ער האָט פעסט בעשלאָסען זיך אָפּצוזאָגען פון דער פּאָעזיע. און נישט צוצולאָזען צו זיך דעם נסיון. ער האָט אויך איהם אדורכגעפיהרט מיט דער אייזערנער ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכענט, ספּעציעל אין ענינים, וועלכע ער האָט אונטערגענומען מיט בעגייסטערונג. גלייך ווי דער גערטנער בעטראַכט שטענדיג בליהענדע בלומען פאַר אומקרויט און רייסט זיך זיי אויס, כדי די געזייטע פלאַנצונגען זאָלען נישט מוזען זיך טיילען מיט זיי מיט'ן באָדען, אַזוי האָט מאיר צוריקגעהאַלטען אין זיין נשמה אנ'איינגעבוירענע הערליכע נייגונג, כדי די צווייטע, שטאַרקערע און פון איהם אונענדליך פיל מעהר געוואונשענערע נייגונג זאָל זיך קאָנען אויסשפּרייטען און פערנעמען דעם גאַנצען פלאַץ, וועלכער איז געשטאַנען פריי צו דער דיספּאָזיציע. וואָס דער קרבן האָט איהם געקאָסט, האָט אַחוץ איהם געוויסט בלויז איין ג—ט.

ערשט אין אַסך יאָהרען אַרום איז דער פערבּרענטער ליבלינג צוריקגערופען געוואָרען. דאָס איז געשעהן דעמאָלט ווען ד"ר מאיר לעהמאַן האָט געגרינדעט דעם „איזראעליט" און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען יודישע דערציילונגען. ערשט דעמאָלט ווען ער האָט געקאָנט זיינע דיכטערישע פעהיגקייטען אויסנוצען אַלס מיטעל צו זיין לעבענס־ווערק און זיי גענצליך צו שטעלען אין דינסט פונ'ם דת; ערשט דעמאָלט, ווען די פּאָעזיע איז גע־וואָרען די פערשפרייטערין פון אַ רעליגיעזער טענדענץ — ערשט דעמאָלט האָט זי זיך געקאָנט אומקערען אין דער נשמה פון מאיר'ן. די דערציילונגען וועלכע ער האָט שפּעטער געשאַפען, האָבען ענטציקט די יודישע יוגענד און האָבען זיכער נישט איינעם דערהאַלטען, ביי דער פאָהן פון ישראל.

*

## טאַשען־ביבליאָטעק

שוין ארויס פון דרוק:

איבערגעזעצט אין יודיש מיט ערקלערונגען — **רות** — און אַ פאָרוואָרט פון **שמואל נאַדלער**

די איבערזעצונג איז זעהר אַ אָפּגעהיטענע און זאָרגפעלטיגע. דער נאָמען פון איבערזעצער גיט די בעסטע גאַראַנטיע דערפאַר שעהן אַרויסגעגעבען — געבונדען.

**פּרייז פון אַ איינצעל־עקז. 50 גר.**

ווייניגער ווי 2 עקז. מיטאָמאָל ווערט נישט געשיקט!

10 עקז. קאָסטען נאָר 4 זל.

אָהן געלט ווערט אָהן אויסנאַם קיינעם נישט געשיקט!

געלט דאַרף מען שיקען אויף פ.ק.א. 65.613

**פערלאַג „בית־יעקב־זשורנאַל" לאָדז**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 9 מתוך 20

גרויסער נדן, ווארום מיר זעהן, אז מענשען, וואס האבען געקריגען פון זייערע עלטערן א גאנץ קליינעם נדן זענען דערנאך געווארען גרויסע עשירים.

און יעצט לאמיר צוריקגעהן צו אונזער ענין, נאכ'ן גירוש פון מיין זיידע ר' נתן מעלריק ע"ה האט ער זיך בעזעצט אין הויז פון ר' ליב הילדעסהיימער, דעם איידעם פון נתן שפאניער און ער האט מיט זיך מיטגעברענגט א גרויס פערמעגען. אסתר ר' ליב'ס ווייב האט מיר שטענדיג געפלעגט דערצעהלען חידושים פון זייער עשירות. ער האט געהאט גאנצע קופערס פול מיט גאלדענע קייטען און אנדערע צירונג, און זעק פול מיט פערל. אזא עושר האט מען נישט געזעהן הונדערטער מיילען ארום, בעוונותינו הרבים האט אבער דאס עשירות נישט לאנג אנגעהאלטען, עס איז אויסגעבראכען די פעסט, און מיין זיידע מיט עטליכע קינדער זענען געשטארבען אין דער מגפה, מיין באבע מיט צוויי פרייליידיגע טעכטער זענען איבערגעבליבען נאקעט און בלויז, זי האט מיר זעהר אפט דערצעהלט ווי זי האט זיך דעמאלס אנגעליטען הונגער און נויט, זי האט אפילו קיין בעט נישט געהאט, און געשלאפען איז זי אויף די בלויזע שטיינער אונטערגעלעגט מיט א ביסעל האלץ. איין טאכטער האט זי שוין געהאט אנ'אויסגעגעבענע, אבער זי האט איהר נישט געקאנט ארויסהעלפען, זי האט אויך געהאט אנ'אויסגעגעבענעם זוהן, מרדכי, ער איז געווען א גביר, אבער ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען אויך אוועקגעגאנגען אין דער פעסט, מיין ליבע באבע מיט איהרע טעכטער האבען געלעבט אין גרויס נויט און זיי האבען זיך געמוזט ארומשלעפען פון שטוב צו שטיב ביז עס וועט פערשווינדען ווערען דער צארן. ווען די פעסט איז אביסעל שוואכער געווארען, האט מיין באבע זיך געוואלט אומקערען אין איהר שטוב ארייין אויסזוכען דאס ביסעל חפצים, זי האט שוין אבער דארט זעהר וועניג געפונען, די שכנים האבען שוין אפילו געהאט ארויסגעשלעפט די ברעטער פון דער פאדלאגע... און זיי האבען אלץ צובראכען, זיי האבען איהר אלץ צוגענומען, און נאר אפאר קלייניגקייטען האבען זיי איבערגעלאזט פאר איהר און פאר די יתומות, און וואס האט זי דען געקאנט טהון? איהר לעבען איז דאן געווען זעהר ביטער. די צוויי יתומות זענען געווען מיין מומע אולק (אולייקא) און מיין מוטער מרת ביילע תחיה. די באבע האט געלעבט זעהר קארג, אפגעשפארט דעם ביסען פון מויל און געזאמעלט א נדן פאר איהר טאכטער אולק. זי האט מיט איהר געטון א שידוך מיט ר' דוד הני ע"ה, א גדול הדור, און מען האט איהם גערופען מורינו, ער איז געווען א דיין אין פריסלאנד, דערנאך איז ער געקומען קיין אלטאנא און איז דארט געווארען אב-בית-דין. זיין זוהן, דער חתן האט געהייסען אליהו כהן ע"ה, דער פאטער האט איהם געגעבען פינף הונדערט ר"ט נדן, ער איז אבער געווען א גרויסער בר מוצלח און איז זעהר גיך רייך געווארען, ער איז אבער געשטארבען זעהר יונג, ווען ער איז נאכנישט אלט געווען קיין פערציג יאהר, ווען ג-ט ב"ה וואלט איהם געגעבען לענגערע יאהרען, וואלט ער אודאי געווארען א זעהר גרויסער עושר, אזא בר מוצלח איז ער געווען, ווען ער וואלט, זייט מיר מוחל, גענומען א שטיקעל מיסט אין האנד ארייין וואלט דערפון געווארען גאלד, אבער די מערכה איז פון איהם זעהר פלינק אוועק, אין יענער צייט איז געווען א מחלוקה וועגען א פרנס, מיין פאטער איז זעהר פיל יאהרען געווען פרנס, און אליהו כהן עליו השלום איז נאך געווען א גאנץ יונגער מענש. וואס איז פון טאג צו טאג רייכער געווארען, און ער איז אויך געווען א קלוגער און א בן טובים. זיין פאטער איז געווען ר' דוד העני, און ער האט א סך מאל געזאגט צו מענשען: פארוואס זאל איך נישט זיין א פרנס, ווי מיין שוואגער ליב (גליקעל'ס פעטער)? כ'בין נישט אזא חכם ווי ער? כ'בין נישט אזא גביר ווי ער? און פון אזא שעהנע משפחה ווי ער, בין איך אויך, ג-ט ברוך הוא וואס גיט יעדען מענש זיין אויסגעזעצטע צייט, האט איהם אבער פלינק צוגענומען צו זיך, ווען ער האט געלעבט איז געווען גרויסע מחלוקות אין דער קהלה, ווי געוועהנליך, ס'איז געווען מענשען, וואס האבען געהאלטען פאר דעם צד, און מענשען וואס האבען געהאלטען פאר'ן צווייטען צד, דער מצב אין דער קהלה איז דעריבער געווען א זעהר שלעכטער, צום ערשטען איז געשטארבען דער פרנס פייוועלמאן, דערנאך איז געשטארבען חיים פירסט, דער גרעסטער גביר פון דער קהלה און דער פרנס. דערנאך איז קראנק געווארען דער שמש פון שוהל אברהם, און פאר יציאת נשמה האט ער געזאגט: מען האט מיך גערופען אלס עדות צום בית דין של מעלה. חיים פירסט ע"ה האט געהאט א זוהן, ער האט געהייסען שלמה. א גבאי, און אויך ער איז דעמאלס געשטארבען. ער איז געווען א זעהר פיינער מענש און א גרויסער למדן, און אויך אלע אנדערע מיטגלידער פון דער קהלה, וואס איך האב שוין פערגעסען, און אזוי האט ג-ט ברוך הוא געמאכט אנ'עק צו די מחלוקות וועגן די פרנסים.




בילדער פון אמאליגען יודישען לעבען

1) ביים בעט פון א גוסס
2) א לוי' פון א קינד
3) א חולה זאגט ודוי*
4) נחום אבלים

ארכיון אסופות


# קויפט און פערשפרייט די נייע אויסגאבען
# ◆ „פרקי אבות" און „רות" ◆

**אונזער פערלאג וועט דאס געבען מוט ווייטערע וויכטיגע אויסגאבען איניגיכען ארויסצוגעבען**

**— געדענקט אז אין אייער מיטהילף איז דאס אפהענגיג!**

# פון שוועסטער צו שוועסטער

## איינם יאָהרטאָג פון אונזער לאַנדעס־קאָנפערענץ

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אונזער פאראַיאָהריגער לאַנד-צוזאַמענפאָהר, האָט געבראַנגט אונזער יונגער בעוועגונג גרויס נוצען. שוין אָפגערעדט דערפון, אַז די קאָנפערענץ האָט דערוועקט ביי אַלעמען דעם ווילענס-אינסטינקט און מעירר געווען אונזערע עסקנות צו אַקטיוויטעט. מיר זעהן ערשט איצט, אין דער אַרבייט, ווי ווייט עס לעבט אין איהר די השפעה פון דער גרויסער כנסי׳ לשם שמים, בעת וועלכער מיר זענען געווען פאַר אַ יאָהרען צוזאַמען.

. כדאי נאָר צו דערמאָנען, אַז אפילו נישט קיין אָנגענומענע רעזאָלוציעס, נאָר סתם דערמאָנטע פאַרשלאַגען, וועגען וועלכע מ׳האָט בלויז אָנגערעגט אין די דעבאַטען, ווערען רעאַליזירט. אָט ׳משל איז בעת דער קאָנפערענץ דערמאָנט געוואָרען וועגען אוואַנט-צייטונג און שוין איז עס אין אַסך ערטער אַ פאַקט.



צוזאַמענטרעף פון לעהרערינס בנות-און בתיה-פיהרערינס פון ראַדאָמצר קאַנט אין וויערזבניק (אין פאַריגען חודש אדר)

אין אונזער אָסטראָווער ראַיאָן שרייבען די חברות אויף יעדען שבת, אַ נייע וואַנט-צייטונג. באַלד נאָך ליכט-צינדען, איילען די חברות אין בנות-לאָקאַל צו זעהן הענגען די וואַנט-צייטונג, און די שמחה איז אומבעשרייבליך. נאָכ׳ן עסען איילען די חברות אין בתי׳סטקעס אַדורכצולייענען די צייטונג. דערביי איז ווי געוועהנליך אַ ש:ועס איבער די געשריבענע אַרבייטען און עס רופט אַרויס גרויס אינטערעס. עס ווערט רייף דער חוש צום לייענען און נאָכמעהר, צו דענקען איבער דעם, וואָס עס איז געשריבען אין דער וואַנט-צייטונג.

איך האָב נאָר דערמאָנט אַ קליינעם פרט אין אונזער אַרבייט-פראָגראַם; אָבער אויך דעם דאָזיגען פרט האָבען מיר צו פערדאַנקען אונזער פאַר אַיאָהריגען צוזאַמענפאָהר.

וואָס מיר דאַרפען אינ׳ם יאָהרטאָג פון דער לאָנפערענץ דערמאָנען אַלע חברות איז: אויכפיהרען די בעשלוסען פון דער קאָנפערענץ! דאָס איז דער עיקר, רייד זענען איבריג. מעשים מוזען מיר ווייזען. נאָר מיט טהאַטען וועט אונזער אידעאַל בעקימען אַ ווייטען און טיפען אָפקלאַנג „לא המדרש עיקר״; מיט שיינע פראַזען זענען מיר שוין זאַט. לאָמיר דורכפיהרען די בעשלוסען פון אונזער קאָנפערענץ אין לעבען און מיר וועלען האָבען דערגרייכט אונזער ציל!

ביילא דאַן

---

## פאַרוואָס נישט יודיש?

נאָך קלינגט אין מיינע אויערן אַ פראַזע, וואָס איז פאַראַ יאָהרען אויף אונזער צווייטען צוזאַמענפאָהר דורך איינעם פון די רעדנער געזאָגט געוואָרען:

„רעדען פויליש איז נישט קיין עבירה, אָבער ווען מען רעדט פויליש, ווייל מען שעמט זיך צו רעדען יודיש, איז עס אַ גרויסע עבירה!" — איז עס נאָר אַ פראַזע? ניין, עס איז אַ ביטערער אמת.

נאָך גענוג זענען פערהאַן אין אונזערע רייהען אַזעלכע, וואָס שעמען זיך מיט אַ יודיש וואָרט. עס איז אַ בושה צו דערצעהלען, אַז אַפילו אַ טייל ב״י לעהרערינס זענען פערהאַן, וואָס רעדען נישט צווישען זיך קיין יודיש. נאָך ערגער איז עס ביי דער קאָרעספאָנדענץ. כמעט דער גרעסטער טייל פון אונזערע חברות פיהרען אַ בריף-אויסטויש נישט אין יודיש. דאַרף עס אַזוי זיין און צי שטימט עס מיט אונזער פראָגראַם?

אמת, מיר זענען נישט קיין קעמפענדע-„יודישיסטען" און מיר ווייסען וואויל, אַז יודיש אָהן יודישקייט איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה. אָבער לאָמיר נישט פערגעסען, אַז מיט׳ן רעדען און שרייבען יודיש, שוין דערמיט אַליין, גיבען מיר דעם אויסדרוק פון פערשטענדניש, שטאָלץ צו זיין מיט דער יודישער פאָלקסטימליכקייט. עס טאָר אויך נישט גילטען קיין תירוצים ווי איך הער אָפטמאָל: „עס איז מיר לייכטער צו שרייבען אין אַ אַנדערער שפראַך" — זאָלען אונזערע חברות לייענען מעהר יודיש, וועלען זיי ממילא מעהר קענען יעדע פון אונז מוז זיך אַ היילige פליכט מאַכען יודיש צו רעדען און יודיש צו שרייבען; איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז דער ערשטער שריט צו דערנעהנטערן זיך צום יודישקייט.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

## פאַרוואָס נישט יודיש? (סוף פון זייט 16)

עס איז מיאוס נאָכצומאַלפּעווען פּריעמדע, עס איז העסליך זיך צו מאַכען פאַר אַ קאַריקאַטור, אַז דעמאָלט ווען עס איז נישט נייטיג, זאָל מען דאָס אייגענע לשון פון טאַטע-מאַמע און די ברייטע רעליגיעזע פאָלקס-מאַסען, אַזוי ברוטאַל פערשעמען...

חברות, לאָמיר אויף די בלעטער פון אונזער זשורנאַל „בית יעקב" אויפהויבען אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר יודיש, רעדען און יודיש שרייבען — רופט אייך אָפּ בעוואוסטזיניגע און שטאָלצע בנות-שוועסטער, מיטצווירקען פאַר דערדאָזיגער זאַך!

**לאה ברעננער**

## צי קומט נישט קיין סטיפּענדיעס פאַר תלמידות אין בית-יעקב-סעמינאַר?

איך האָב געלייענט אין „טאָגבלאַט" דיסקוסיע-אַרטיקלען צווישען פּרעזעס פון דער לאָדזער קהלה, דעם חשובען ה' מינצבערג און דעם ערפּשטעלער ה' א. מ.

די דערמאָנטע אויפגאַבע געהער צו אונזערע הייליגסטע אויפגאַבען, און יעדע בנות-אָרגאַניזאַציע מוז שוין אָרגאַניזירען די דאָזיגע אידעאַלע אַרבייט.

**רבקה באַרענבוים**

## וועגען די ערלעדיגונג פון תרומת-חברה

אין קומענדיגען נומער פערעפענטליכען מיר ענטגילטיג די לעצטע רשימה פון די, וואָס האָבען זיך געווידמעט די היי-יעהריגע תרומת-חברה-אַקציע. ליידער האַלטען נאָך אַ טייל אויף, און נישט זיי שיקען אָפּ דאָס געלט און אויך נישט ד ביכלעך. זיי מאַכען זיך אַפילו נישט דערפון, וואָס מיר האָבען זיי שוין פיל מאָל אויפגעפאָדערט דורך בריף. מיר ווענדען זיך דעריבער, צו די אַלע וואָס ביי זיי געפינען זיך נאָך ביכלעך און איינקאַסירט געלט, זאָפאָרט ראָס צו ערלעדיגען, אין געגענפאַל וועלען מיר געצווינגען זיין עפענטליך זיי אויפצופאָדערן אויף די שפאַלטען פון אונזער זשורנאַל...




די תלמידות פון קראָקאָווער בית-יעקב-סעמינאַר אויף אַנ'אויספלוג אין וויעליטשקאַ

ראָגאָווי. ווי עס איז צו זעהן פון דעם וויכוח שטעהט יעדענפאַלס די לייטונג פון דער לאָדזער קהלה אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז די וואָס לערנען אין יודישע רעליגיעזע הויך-שולען קומט אַ סטיפּענדיום. איך מיין אַלזאָ אַז עס איז קיין ספק נישט, אַז דער בית-יעקב-סעמינאַר אין קראָקאָ. איז אַזאַ הויך-שול, וואָס זיינע תלמידות פערדינען לכל הדעות נאָך סטיפּענדיעס. נו, פרעגט זיך פאַרוואָס האָט די אָרטאָדאָקסישע מעהרהייט פון דער לאָדזער קהלה, זיך נישט געווענדעט קיין קראָקאָ, וואו עס זענען פערהאַן פיל, וואָס נייטיגען זיך אין דעם?

ווי מיר איז בעקאַנט זענען פערהאַן אין לאָדז אייניגע טאַלאַנטירטע מיידלעך, וואָס האָבען געענדיגט דער לאָדזער „בית יעקב" שול און ווילען אָנקומען קיין קראָקאָ אין סעמינאַר, נאָר זייערע פינאַנציעלע מעגליכקייטען ערלויבען דאָס נישט.

צי וואָלט-זשע נישט געווען קיין יושר, אַז די לאָדזער קהלה זאָל בעשטימען אַ סטיפּענדיע פאַר די דאָזיגע בנות-עיר?

**רחל בת-טובים.**

## לאָמיר זאָרגען פאַר אַ ביסל פרישע לופט פאַר אונזערע יונגע שוועסטערלעך!

דער פריהלינג איז ענדליך שוין אונזער אָפטער גאַסט געוואָרען און מיר שטעהן שוין האַרט אויף דער שוועל פון'ם זומער. ווי איינער וואָר קען וועט מכתמא אנטלויפען פון שטאָטישען טשאַד, און זיך געפונען אַ מקום-מנוחה אין פעלד און וואַלד. שוין אָפּגערעדט פון די רייכע וואָס וועלען באַלד פאָהרען אין די וויטע און היימישע קור-ערטער, נאָר אַפילו די בעמיטעלטע מענשען, וועלען אויך פונאַנדער פאָהרען זיך אויף די זומער-וואוינונגען און געניסען פון די ריינע פרישע זומערדיגע לופטען.

נו, וואָס זאָל געשעהן מיט אונזערע אָרימע קינדער אין דער דאָזיגער צייט?

איך מיין אַז אונזערע בנות-אָרגאַניזאַציעס אין יעדען אָרט דאַרפען שוין נעמען די איניציאַטיוו אין דער האַנד, און בעזאָרגען מיט אַ ביסל פרישע לופט כאָטש אונזערע בית-יעקב-שוועסטערלעך אין די חברות פון אונזער בתיה-פערבאַנד.

אין גרעסערע שטעט דאַרפען מיר פיהרען אַנ'אַקציע פאַר ספּעציעלע זומער-קאָלאָניעס, אין קלענערע שטעט לפחות האַלב-קאָלאָניעס, צונויפצונעמען די קינדער אונטער די אויפזיכט פון בנות-עסקנות און זיי פיהרען יעדען טאָג אויף פרישע לופט א. ד. גל.

## ביבליאָגראַפישע נאָטיצען.

„די יודישע רעליגיע און די יודישע נאַציע" — פון ד"ר בן-ציון פעסלער, אַרויסגעגעבען פערלאַג „ישרון" — וואַרשע.

ד"ר בן-ציון פעסלער, דער הייסער חסיד פון נתן בירנבוים, איז דער אמת'ר אינטעליגענט. אַ מענש מיט אַלזייטיג וויסען, אַ גרויסער טאַלענט מיט תוכן. אינטערעסאַנט זיין וואָרט, קיילעכדיג ביז אַראָפּ זיין שורה, פיין אויסגעהאַקט און אָפּגעטאַקט איז יעדער זאַץ. ניכטער, מיט אויפגעהויבענע העגד איז זיין פילאָזאָפישער אַרט דענקען. אַזוי אַרום האָט פעסלער'ס האַנט אָנגעשריבען דאָס חיבור: „די יודישע רעליגיע און די יודישע נאַציע". אַ האַרב און אַ שווער פּראָבלעם, וואָס איז אגב אויסנאַמליך אָנגעווייטאָגט פאַר'ן אָרטאָדאָקסישען יודענטום, האָט פעסלער מיט געניאַליטעט און טאַלאַנט אַלזייטיג בעלויכטען.

שלעכטע צייטען באותה שעה אין די רייהען פון גלויביגע יודען. עס מעהרען זיך די אָפּטריניגע ווי מאַי, וואָס ווערען פערכאַפּט פון איין זייט, דורך פוסט און פּאַסטקייט און ווערען פון דער אנדערער זייט פערשלינגען דורך הויכע „אידעען", אויסגעוואַקסענע אויף דער שיס פון ציוויליזאַציע, פּראָגרעס און קולטור. די פראַגע פון פוסט-און פּאַסטניק אָבטריניגען איז קלאָר און בעוואוסט: „אין בור ירא חטא"... פעסלער קומט נאָר געגנוי חשבונ'ן און בילאַנסירען דעם אָבטריניגען מטעם אידעען, אָדער מפיומר'שטע אידעען, דעם פערכאַפּטען דורך השכלה אַסימילאַציע, מיסטיק, אַציאָנאַליזם, קולטור-נאַציאָנאַליזם. ער פיהרט דעם חשבון אויף גראַדע ליניען אַזוי, אַז עס איז בולט דער סך-הכל: דאָס בעסטע פון די נייע אידעען פיהרען צו אונקאָנסעקווענץ. עס איז פאַרט אַ מכה. וואָרום אמת איז אַז די קולטור-אידעען זענען שעהנע דרשות, וואָס האָבען אויפגעפרישט און אויסגעפוצט דעם כרם בית ישראל, אָבער דערביי איז אינעווייניג געבליבען אַלעס פערפוילט, בעהאַלטען דער שאָטער אין אַלע ווינקעלעך, אַ פנים, אַז די אויפרעגונג גופא שמעקט אין תוך געגומען מיט צופוילטקייט.

ווער ווייסט דען נישט דעם סוד, אַז דעם ריכטיגען עול-גלות אין זיין פולער האַרבקייט פיהלען גראָד אַמשטאַרקסטען די ישראל-סבא יודען — וועמען עס איז אגב אורשפּרונגליך פרעמד די „קולטור שיטה" און דאַך אַ דאַנק זיי האָבען יודישע קינדער אַ קיום און דערהאַלטען זיך חי-נישט-הי אין לעבען אויף דער



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

וועלט. מעגליך, אז יודען אין גלות האָבען אויך פון די פּראָגרעסיווע קולטור-שטות עפּעס געהאַט — דעם פּריצת גדר אז אַ מומר כל זמן ער האָט נישט קיין אָפּיציעלען טויף-שיין איז אַ יוד, מ'שטיינסגעזאָגט אַ יוד... און מערקווירדיג אַז גראַד די שעפּער פון נאַציאָליזם און קולטור-נאַציאָנאַליזם פּראָפּאַגירען אַליין נישט איין מאָל דעמזעלבען געדאַנק און אופן פון היטען רעליגיע און נאַציע אין הסכם מיט דער שטרענגסטער אָרטאָדאָקסישער שיטה. אַזוי האָט דאָך אחד העם געשריגען געוואַלד אַז מען דאַרף די קדושה פון שבת היטען בפּרטות. אַזוי האָט דער דיכטער ח. נ. ביאַליק געמאַכט יעלות, אַז מען זאָל היטען די הלכה — און דאָך איז אַ פאַקט, אַז עס איז זיי אַליין דאָס געבליבען פרעמד. נאָך מעהר פרעמד איז עס געבליבען פאַר זייערע אָנהענגער און נאָכפאָלגער.

שעהן זענען געווען זייערע דרשות אָבער זעהר נישט שעהן איז דאָס נישט דערהאַלטען דעם קיום פון אייגענע ווערטער!

נישט איינמאָל האָבען זיי געפּרובט מאַכען אויפמערקזאַם, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט-זאַך און דערביי געווען די ערשטע, וואָס האָבען די פּריוואַט-זאַך נישט געוואָלט היטען. נישט געווען זענען זייערע דרשות יוצא מן הלב, איז ממילא געקומען די פאַלשער ביוש פאַר די מלעיגים. לא הביישן למד...

אָבער דערפאַר זעהט און קוקט אויף נתן בירנבוים'מען, דער אמת דערהויבענער קולטור-מענש, וואָס האָט בראשית דערפיהלט די פאַלשע בושה — פאַ-וואָס עפּעס זאָל יענער לאַכען פון איהם, אַז ער וויל ליבערש לאַכען פון יענעם, דעם פלאַטשיגען קאָפּ. אַזוי אַרום איז זיין דרשה געוואָרען אמת, יוצא מן הלב און ממילא געוואָרען נכנס ללב, — אַריינגעדרונגען אין זיין אייגען הארץ אריין... איז בירנבוים געבליבען דער אמת יודישער יוד מיט יודישע יודען צוגלייך.

הארכיון היהודי

דער מענש פון ווירקליכער רעליגיע און נאַציע —

אַזוי אַרום פערשאַפט פעסלצר'ס חיבור אַ גייסטיגען גענוס יעדען לייענער און לעזט דאָס אַזוי הארבע, אינטערעסאַנטע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעם.

לייב פיינגאָלד.

# פון חודש צו חודש

## דער ערפאָלגרייכער פּראָפּאַגאַנדע-טור פון די בנות-עסקנות.

ווי בעקאַנט האָט דער צ. ס. אָרגאַניזירט דעם פערגאַנגענעם חוהמ"פ אַ פּראָפּאַגאַנדע-טור פון די בנות-עסקנות אין אַ רייה שטעט. מיר געבען דאָ אַ קורצע איבערזיכט פון דעם דאָזיגען טור. צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ נעמען מיר ארויס פון אַלע קאָרעספּאָנדענציעס נאָר איינצעלנע שורות.

אין וואַרשאַ און אין לובלין זענען פאָרגעקומען פּראָפּאַגאַנדע-פערזאַמלונגען מיט'ן אָנטייל פון פרל. סאַבוטקא (לאָדז). אין ביידע ערטער איז געווען גרויס ערפאָלג. אין לאָדז איז אויף דער פּראָפּאַגאַנדע פערזאַמלונג אַרויסגעטרעטען מיט רעפעראַטען פרוי פּאָגעל, פרל. ראָזא (בענדין) און פרל. קלוגער. אין וולאָצלאַוועק איז פאָרגעקומען אַ בעזוך מיט'ן אָנטייל פון פרל. רייזל ראָזאַ (וואַרשאַ). איהר בעזוך דאָרט האָט געבראַכט פיל ערפאָלג. אין וויעלון האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט פרל. נאָוואָמיאַסט (זד-וואָלא). אַ דאַנק פרל. איגנער איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען אַ בתיה פערבאַנד. אין גריצא איז ארויסגעטרעטען מיט אַ רעפעראַט פרל. שאַטאַן (בעלכאַטאָוו). עס איז אויך פאָרגעקומען דאָ-רט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג מיט'ן אָנטייל פון פרל. שאַטאַן און עס איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג מיט פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: עהרען-פּאָרז. לעהרערין שידלאָווסקאַ, טויבע ליפשיץ — פּאָרזיצ. קאַסיר. — פרל. צמח, סעקר. קיילע אַלעקסאַנדראָוויטש, ח. ציזעל, ח. קירשענבוים, זילבערמינץ — קאָלאָ. אין טשענסטאָכאָוו... — איז ארויסגעטרעטען פרוי שניירער און פרל. ראָזען (אָסטראָוו-מאַזאָוו.) אין רימאַנאָוו פרל. קליין (קראָקע). אויך דאָרט איז אויך געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג. פרוי עבענהאָלץ — פּאָרזיצ. פרל. קעניג — סעקרעט. פרל. פלוהר — קאַסיר. פרל. פיהרער — ביבליאָטעקאַר, פרל. גינצבערג, פרל. לעהרער — אַלס פיהרערינס פון'ם בתיה-פערבאַנד. אין פּשעדבאָזש האָט געווייזט פרל. קאַדזיאָל און דאָרט געהאַלטען אַ פּראָפּאַגאַנדע-רעפעראַט. אויף דער זעלבער פערזאַמלונג האָבען אויך גערעדט פרל. פריש, פרל. עפּשטיין און פרל. גאָטעסמאַן. אין בושעושין איז פאָרגעקומען אַ פּראָפּאַגאַנדע פערזאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון פרל. קראָנגראָד און רעפערירט האָט די לעהרערין קלוגער (פון לאָדז). אין ליפנא איז פאָרגעקומען אַ בעזוך פון פרל. לובאַרט (פּלונסק). אַ דאַנק איהר בעזוך איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען אַ בתיה-פערבאַנד: די פיהרערינס זענען: יוטא קאָנשטאַם, שרה ניימאַרק און סימא גורפינקעל. חוץ די דערמאָנטע זענען אויך בעזוכט געוואָרען פאָלגענדע שטעט: פּיעטרקאָוו — פרל. באָבראָווסקאַ, קאַליש — פרל. קנאַבלעוויטש, קוטנא — פרל. פלידערבוים, לאַסק — פרל. פּאָזנער, מלאַוואַ — פרל. שטערן, פּראַשניץ — פרל. דאַן.

אַלע רעדנערינס, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין פּראָפּאַגאַנדע-טור האָבען בעקומען צוגעשיקט דאַנק-בריף פון צענטראַלען-סעקרעטאַריאַט.

אין בענדין און אין וואָלבראָם זענען פאָרגעקומען אין פערגאַנגענעם חול-המועד גרויסע פּראָפּאַגאַנדע-מיטינגען פאַר'ן בנות-געדאַנק, וואו עס האָט רעפערירט דער לייטער פון צ. ס. ה' א. ג. פרידענזאָן.

## אַכטונג!

די וואָס שיקען די קאָרעספּאָנדענציעס, מוזען אינבעדינגט שרייבען גאַנץ קורץ. עס איז אונמעגליך צו דרוקען, אין אַ זשורנאַל, לאַנגע בעריכטען. די וואָס וועלען זיך דערצו נישט צופּאַסען, קאָנען זייערע בעריכטען לחלוטין נישט געדרוקט ווערען! פון די שטעט, וואו דער זשורנאַל האָט נישט קיין אַבאָנענטען ווערען אָהן אויסנאַם נישט געדרוקט קיין בעריכטען.

## ראש-חודש-אָוועגד אין בעלכאַטאָוו.

אין היינטיגען ראש-חודש אייר איז פאָרגעקומען אין בעלכאַטאָוו אַ ראש-חודש-אָוועגד. עס האָבען געהאַלטען רעדעס מעניגא דיומא: פרל. קאַדזיאָל, פרל. שאַטאַן, לעהרערין שטאָקמאַן. פר. ליבערמאַן און פרל. באָרענשטיין. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ פייערליכער סעודת-ראש-חודש. *

## די פּעדאַגאָגישע אָפּטיילונג אין אונזער זשורנאַל.

צוליב טעכנישע סבות איז נישט אַריין אין היינטיגען נומער די זעלבע אָפּטיילונג אונטער דער ווייטערדיגער רעדאַקציע און לייטונג פון י. ל. אָרלעאַן, די אָפּטיילונגען זיין געדרוקט בעזה"ש אין קומענדיגען נומער מיט זעהר אַ רייכען אינהאַלט.

## אַ פערדריסליכער טעות

אין היינטיגען נומער זענען עפ"י סבה פערטוישט געוואָרען די נומערן פון די זייטען 16 און 17. מיר בעטען דערויף אונזערע לעזער ענטשולדיגונג.

די רעדאַקציע

שוין ארויס פון דרוק:

דאָס הויפּט-געבעט פון אונזערע תפלות

(שמונה-עשרה)

איינלייטונג, איבערזעצונגען און ערקלערונגען

— בעאַרבייט דורך —

אַלכסנדר זושא פרידמאַן

ארויסגעגעבען אין צוויי העפטען דורך דער קרן-התורה-צענטראַלע אין פּוילען

אָפּטיילונג בית-יעקב.

ערשטער טייל פּרייז 75 גר. — צווייטער טייל 1.25 גר.

פאַר פּאָרטא 10 גר.

— אָהן געלט ווערט נישט געשיקט! —

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Maj 1930
„BAJS JAKOW“

Cena 1 Zł.
P.K.O. 65.613

RokVII zeszyt 8 (54.)
Adres Red. „Bajs Jakow“
Łódź, Aleksandrowska 28.
Telefon 109-77.

# מ ז ל ט ו ב

א ברכה׳פולען מזל-טוב ווינשען אונזער עהרען-פאָרזיצערין און איבערגעגעבענע פיהרערין, גייסטיגע ערציהערין, חשובע לעהרערין און שטאָלצע טרעגערין פון אונזער אידעאל

פרל. בתי׳ נאַשעלסקא

צו איהר תנאים-שרייבען מיט

ה׳ שמעון אהרן הערשקאָוויטש (ווארשא)

זאָל איהר צוקונפט זיין א קייט פון אייביגע צופרידענהייט און גליק.

פולטוסק

בנות אגודת ישראל
בית יעקב שול
פרויען פערבאַנד ביים בית-יעקב

ערשטע גרופע בתי׳: מחנכות: דירעקטאָר, שטערן
2-טע „ „ „ אסתר סקורקא ח׳ ווישניאַ, שרה ווישנא
3-טע „ „ „ פינקעלמאַן, פייגא סקורקא
4-טע „ „ „ פערלעבערג, פאָדעמבאָוויטש

## א הארציגען מזל-טוב

ווינשען מיר די איבערגעגעבענע בנות-עסקנות, די חברות פון אונזער צע.כראל-ראט פרל.

חי׳ ראָזענבלום

(דאָצענטין אין קראָקאָווער סעמינאר)

און פרל. בתי׳ נאַשעלסקא

(לעהרערין אין פולטוסק)

צו זייער פערלאָבונג.

דער אלמעכטיגער זאָל בעגליקען אייער עתיד און איהר זאָלט אינס ווייטערן קאמף פאר אונזער הייליגען אידעאל, זיין געבענטש מיט ערפאָלג ווי ביז אהער!

צענטראַלע
בנות אגודת ישראל
אין פוילען

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער בנות-חברה פ. פערבערקאָוויטש ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב. זאָלען גליק און צופרידענהייט דיין לעבענס-וועג בעגלייטען

נייסאַנץ — בנות-אגודת-ישראל

---

א הארציגען מזל-כוב ווינשען מיר צו דער חתונה. פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגלידערין פרל. דבורה איגעלבערג מיט ה׳ ריבאק (לאָדז) און אונזערע אידעען - שוועסטער פרל. הינדא גאָלדהאַמער מיט ה׳ הערשאָוויטש (בלאַשקי) פרל. ברכה פייערמאן מיט ה׳ מאגנישעווסקא (לאָדז)׳ פרל. שרה איגליצקא מיט ה׳ ווראצלאווסקי (זד. וואַרא). הש״י זאָל אייער צוקונפט מיט הימליש גליק בענשען.

זד.-וואָלא — בנות אגודת ישראל

---

בברכת חמה ונלבבה מברכת אני את ידידתי החשובה מרת הי׳ ראָזענבלום לארושי׳ עם מר קאָהן. יה״ר שדרכך תהי׳ סוגה בשושנים, ותהיי לאלפי רבבה.

טיקטין — חנה שפרא

---

א ברכה פולען מזל-טוב ווינשען מיר די גרינדער פון אונזער „בית יעקב“ און חשוב פערוואַלטונגס-מיטגלידער ר׳ יוסף פוקס און זיין פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן יהודה לייב מיט פרל. דינה טאַהמאן (בריסק-קוי.), זאָל זייער צוקונפט מיט בלומען פון אונזער בית-יעקב-אידעאל בעציהרט זיין.

פערוו. בית יעקב שולע
וולאָצלאַוועק
פאָרזיצ. רחל רובינשטיין

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע אַקטיווע מיטגלידערינס פרל. יהודית ציוויאק (ווישקאָוו) מיט ה׳ חאצעק (אָסטראָלענקא) און פרל. ראַכעל צייטאָג (ווישקאָוו) מיט ה׳ עלפאַנט (וואַרשא) צו זייער פערלאָבונג. גליק און צופרידענהייט זאָלען אייער לעבענס-בעגלייטער זיין

ווישקאָוו — לעהרערין: מרים טויבע
בנות אגודת ישראל

---

לידידי היקרים הסיפרים המצויינים מר יחיאל מיכל קעניג ומר אליעזר נובומיסט נ״י — ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה לאירושם. א. ג. פרידנזון

ארכיון אסופות

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ליבער קוזינע הרבנית מרת רבקה ביילה ארבוס פון דיכוואל צו דער פערלאָבונג פון איהר טאָכטער חנה שרה מיט ה׳ וואָלף קארא פון אוניעיעוו.

סטאַווישין — פאַמיליע ברעננער

---

א דארציגען מז״ט צו דער פערלאָבונג פון פרל. אסתר באָרנשטיין מיט ה׳ מאזינגער (קראָקא) ווינשט רבקה וואוידיסלאַווסקא

---

אהארציגען מז״ט דער פערלאָבונג פון פרל. חי׳ ראָזענבלום (דאָצענטין אין קראָקאָווער סעמינאַר) מיט ה׳ יצחק קאָהן (לאָדז) ווינשט: רבקה וואוידיסלאַווסקא, מרים גרינבערג, זלאַטקא באָרנשטיין, רבקה טשערניק, לאה קויפטייל, פייגע ראָטענבערג.

---

די הארציגסטע מזל-טוב וואונשען מיינע ליבע פריינדינס פעסע שייער (קאָנסטאַנטין) חי׳ ראָזענבלום (לאָדז) צו זייער פערלאָבינג ווי אויך גיטעל בייגעל (קראָקא) צו איהר חתונה.

אייערע נייע לעבענס-וועגען זאָלען מיט אייביגעס גליק און צופרידענהייט זיין געבענשט.

לאָדז — ס. קליגער

---

הארכיון היהודי

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע לאַנג יעהריגע מיטארבייטער און חשובע פריינד

יחיא׳ מיכל קעניג

און

אליעזר נאָוואָמיאַסט

צו זייער תנאים שרייבען!

רעדאקציע ב״י זשורנאל אין לאָדז

---

פון טיפען הארצען ווינשען מיר מזל-טוב אונזער אידעאלע מיטארבייטערין פרל. חי׳ ראָזענבלום צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ קאָהן.

די לאָדזער בנות אגודת ישראל

---

בברכת מז״ט חמה ונלבבה מברכות את מורתנו היקרה מרת חי׳ רוזנבלום לאירושה עם מר כהן — שמולה תורת קקרני השמש.

התלמידות מבי״ס שבלודז מהקורס 6

---

Red. Lezer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50. Tel. 188-76·

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 054 a הודפס מתוך הארכיון היהודי